בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן פונעם ראש ישיבה שליט"א, שבת קודש פרשת מטות מסעי, שנת תשפ"ב לפרט קטן, אין קרית ברסלב - ליבערטי יע"א, ביי שלש סעודות.

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

בעזרת השם יתברך

# היכל הקודש ברסלב

## וויליאמסבורג

27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

## באר־א פארק

4801 11th Ave
Brooklyn NY 11219
**718.384.1652**

## קרית יואל

8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

## קרית יואל

8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

## בלומינגראוו

24 Merriewold LN S
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

## מאנסי

32 Dolson Road
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

## לונד־ון

23A St Andrew's Grove
**447388582855**

## קר־ית בר־סלב

ליבערטי - ניו יארק

### האשקי

181 Huschke Road,
Liberty NY 12747

### אשר בנחל

78 Denman Rd,
Liberty, NY 12754

### עצתו אמונה

187 Twin Bridge Rd,
Liberty, NY 12754,

### פעולת הצדיק

2-198 Steiglitz Rd,
Liberty, NY 12754,

### מקור השמחה

67-1 Marx St,
Liberty, NY 12754,

### יר־ושלים

21-1 jerusalem St,
Liberty, NY 12754,

## יר־ושלים

רח' רבי נחמן מברסלב 15
**054-845-6150**

## בני בר־ק

רח' ירושלים 2
**052-760-5715**

## טבר־יה

רח' משה שפירא 2
**050-411-6421**

## בית שמש

רח' ריב"ל 6
**050-419-9751**

## ברכפלד

רח' רשבי 19
**052-715-6479**

## יבנאל

רח' המייסדים
**052-716-3184**

## צפ־ת

רח' צהל 1
**050-412-6101**

נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**

צו הערן די
הערליכע שיעורים פונעם ראש
ישיבה שליט"א
רופט:
קול ברסלב
**212.444.9191**
חיזוק פאר אידישע שטוב
**212.444.9169**

עריכה - הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
**maebreslev@gmail.com**
**www.BreslevCenter.com**

## שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרְשַׁת מַטּוֹת - מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ״ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָא גְעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יעא. בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן י אוּן סִימָן יב.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָא הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: אִין שִׁבְחֵי הָרַ״ן סִימָן ט שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן דֶעם רֶבִּינְ׳ס עֲבוֹדַת הַשֵּׁם פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן, וְוי עֶר הָאט גֶעפַּאסְט אוּן זִיךְ מְסַגֵּף גֶעוֶוען.

שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וַוייטֶער (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן י):

אַךְ עִקַּר עֲבוֹדָתוֹ אֲשֶׁר עַל יָדָהּ זָכָה לְמַה שֶּׁזָּכָה, דֶער עִיקַר עֲבוֹדָה פוּן רֶבִּי׳ן, וָואס דָאס הָאט צוּגֶעבְּרֶענְגְט עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, הָיָה רַק רִבּוּי הַתְּפִלּוֹת וְהַתְחִנּוֹת וְהַבַּקָּשׁוֹת וְהָרִצּוּיִים וְהַפִּיּוּסִים, אִיז נָאר גֶעוֶוען וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט אַסַאךְ גֶעדַאוֶוענְט, שֶׁהָיָה רָגִיל מְאֹד לְהִתְפַּלֵּל וּלְהִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַאוֶוענְט אוּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְהָיָה מְרַצֶּה וּמְפַיֵּס אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכַמָּה מִינֵי תְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת שֶׁיְּזַכֵּהוּ בְּרַחֲמָיו לְקָרְבוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוּן אִים מְקָרֵב זַיין, עֶר זָאל אִים קֶענֶען דִינֶען.

וְעִקַּר מַה שֶּׁהוֹעִיל לוֹ, דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט, דֶער עִיקַר וָואס הָאט אִים גֶעהָאלְפְּן אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן, הָיוּ הַתְּפִלּוֹת שֶׁהִתְפַּלֵּל בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז, אִיז גֶעוֶוען דִי תְּפִילּוֹת וָואס עֶר הָאט גֶעדַאוֶוענְט אִין אִידִישׁ, שֶׁהָיָה רָגִיל מְאֹד לְיַחֵד לוֹ אֵיזֶה מָקוֹם שֶׁמָּצָא שֶׁאֵין שָׁם בְּנֵי אָדָם, עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע פְּלַאץ, וואוּ מֶענְטְשְׁן דְרֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט, וְהָיָה מְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לִפְנֵי ה׳ יִתְבָּרַךְ, עֶר הָאט זִיךְ דָארְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט זַיין הַארְץ, בְּלָשׁוֹן שֶׁמְּדַבְּרִים בּוֹ, מִיט דִי שְׁפְּרַאךְ וָואס מֶען רֶעדְט, דְּהַיְנוּ בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז, אִין אִידִישׁ, וְהָיָה מְרַצֶּה וּמְפַיֵּס אוֹתוֹ יִתְבָּרַךְ וּמְבַקֵּשׁ וּמִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ בְּכַמָּה וְכַמָּה מִינֵי טְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת שֶׁרָאוּי לוֹ יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּקָרְבוֹ לַעֲבוֹדָתוֹ, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן אוּן אִיבֶּער גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ דִיר, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ זַיין אַ

צַדִיק, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל אוֹיךְ דַאוֶוענֶען״, וְהָיָה רָגִיל בָּזֶה מְאֹד מְאֹד, דָאס הָאט עֶר זַייעֶר אַסַאךְ גֶעטוּן, וְהָיָה מְבַלֶּה יָמִים וְשָׁנִים עַל זֶה, עֶר הָאט פַארְבְּרֶענְגְט טֶעג אוּן יָארְן מִיט דִי עֲבוֹדָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גַם הָיָה מַטְמִין עַצְמוֹ עַל גַּבֵּי בֵּית אָבִיו תַּחַת הַגַּג, עֶר הָאט זִיךְ בַּאהַאלְטְן אִין בּוֹידֶעם בַּיי זַיין טַאטֶע׳ן אִין שְׁטוּבּ, שֶׁהָיָה שָׁם כְּמוֹ חֶדֶר בִּמְחִיצָה שֶׁל קָנִים שֶׁמַּחֲזִיקִין שָׁם תֶּבֶן וּמִסְפּוֹא, דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאזוּנְדֶערֶע שְׁטוּבּ וואוּ מֶען הָאט גֶעהַאלְטְן שְׁטְרוֹי פַאר דִי בְּהֵמוֹת, וְשָׁם הָיָה מַטְמִין עַצְמוֹ, דָארְט פְלֶעגְט זִיךְ דֶער רֶבִּי בַּאהַאלְטְן, וְהָיָה אוֹמֵר תְּהִלִּים, עֶר פְלֶעגְט דָארְט זָאגְן תְּהִלִּים, וְהָיָה צוֹעֵק בְּלַחַשׁ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיְזַכֵּהוּ לְקָרְבוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ, אוּן שְׁרֵייעֶן שְׁטִילֶערְהֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, עֶר זָאל וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

## מִיר זָאלְן עֶס נָאכְטוּן

דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז דָאס דֶערְצֵיילְט ווַייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן עֶס נָאכְטוּן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן כה) וֶוער עֶס וֶועט פָאלְגְן, עֶר וֶועט זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן זַיין הַארְץ מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דִי תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעמַאכְט, אַז עֶר הָאט גֶעפַאסְט מִשַּׁבָּת לְשַׁבָּת (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן ט) אוּן נִישְׁט צֶעקֵייט דָאס עֶסְן, נָאר אַרָאפּ גֶעשְׁלִינְגֶען גַאנְצֶערְהֵייט, כְּדֵי נִישְׁט צוּ שְׁפִּירְן קַיין טַעַם אִינֶעם עֶסְן (שָׁם סִימָן א) אוּן אַזוֹי ווַייטֶער, אוֹיף דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט מֶען זָאל אִים בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן נִישְׁט נָאכְמַאכְן, דֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וָואלְט וֶוען גֶעוואוּסְט אִין זַיינֶע יוּנְגֶע יָארְן צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן – וָואלְט עֶר זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, עֶר וָואלְט נָאר עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הִתְבּוֹדְדוּת.

## עֶס אִיז אַ דָבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ

דִי עֲבוֹדָה פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ דָבָר הַשָּׁוֶה לְכָל נֶפֶשׁ, יֶעדֶער

קֶען עֶס טוּן, כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט, יְשִׁיבָה בָּחוּרִים, בַּעֲלֵי בָּתִּים, און אַרְבֶּעטֶערְס; וואו דוּ בִּיסְט, וואו דוּ גֶעפִינְסְט זִיךְ, צִי דוּ בִּיסְט בַּיי דִי אַרְבֶּעט, דוּ קוּמְסְט און גֵייסְט, אָדֶער דוּ בִּיסְט אִין קַאר, וואו אִימֶער - קֶענְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַארְפְסְט נָאר עֶפֶענֶען דַיין מוֹיל און זָאגְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל דַאוֶונֶען, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל לֶערְנֶען".

## דֶעם כֹּחַ וָואס אַ אִיד הָאט אִין זַיין מוֹיל

דִי וָואךְ הָאבְּן מִיר אִין דִי פַּרְשָׁה (פַּרְשַׁת מַטּוֹת) דִי מִצְוָה פוּן נְדָרִים. דָאס אִיז אַ פֶּלֶא'דִיגֶע מִצְוָה; עֶס אִיז דָא זַאכְן וָואס דִי תּוֹרָה לָאזְט נִישְׁט עֶסְן, וִוי חֲזִיר פְלֵייש, נְבֵלוֹת און טְרֵפוֹת, קוּמְט צוּ דִי הֲלָכָה פוּן נְדָרִים, אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ זָאגְט אוֹיף אַן הֶיתֵּר'דִיגֶע זַאךְ: "קוֹנָם כִּכָּר זוּ", אִיךְ גֵיי נִישְׁט הֲנָאָה הָאבְּן פוּן דֶעם בְּרוֹיט, אָדֶער פוּן דֶעם גֶעטְרַאנְק, וֶוערְט עֶס אָסוּר, אוֹיבּ מֶען עֶסְט עֶס יָא, אוֹיבּ הָאט מֶען עֶס גֶעגֶעסְן בְּשׁוֹגֵג בְּרֶענְגְט מֶען אַ קָרְבָּן, און בְּמֵזִיד בַּאקוּמְט מֶען מַלְקוֹת.

דָא זֶעט מֶען דֶעם גְרוֹיסְן כֹּחַ וָואס אַ אִיד הָאט אִין זַיין מוֹיל, אֲפִילוּ אַן עֶסְנְוַוארְג וָואס דִי תּוֹרָה לָאזְט עֶסְן, אוֹיבּ זָאגְט עֶר אַרוֹיס מִיט זַיין מוֹיל מִיט אַ נֶדֶר אַז עֶר גֵייט עֶס נִישְׁט עֶסְן, וֶוערְט עֶס אָסוּר מִן הַתּוֹרָה, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ קוּמְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און זָאגְט אִים: "אִיךְ וִויל זַיין אַ אִיד, אִיךְ וִויל לֶערְנֶען, אִיךְ וִויל דַאוֶונֶען", "בֶּאֱמֶת וִויל אִיךְ קוּמֶען אִין שׁוּל דַאוֶונֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה און מַעֲרִיב, וָואס זָאל אִיךְ טוּן אַז אִיךְ הָאבּ נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְדְרֵיידְט מִיר יֶעדְן טָאג מַיין קָאפּ מִיט אַנְדֶערֶע זַאכְן", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל אִינְזִין הָאבְּן דָאס דַאוֶונֶען", "אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן רֵיינֶע אוֹיגְן און אַ רֵיינֶע מֹחַ", - טוּט עֶס זִיכֶער אוֹיף!

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע חִיזּוּק, וַוייל מַה דָאךְ וֶוען אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט דִיבּוּרִים פוּן סְתָּם זַאכְן, וִוי 'אִיךְ גֵיי יָא עֶסְן', 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט עֶסְן', 'אִיךְ גֵיי שְׁלָאפְן', 'אִיךְ גֵיי נִישְׁט שְׁלָאפְן', וֶוערְט עֶס אַזוֹי חָשׁוּב, עֶס וֶוערְט נֶדֶר, אִיז דָאךְ זִיכֶער וֶוען אַ אִיד זָאגְט אַרוֹיס פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס עֶר וִויל, 'אִיךְ גֵיי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן', - אַז דָאס וֶועט אִים בְּרֶענְגֶען נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן וַוייטֶער:

וְהַכְּלָל שֶׁכָּל הַמִּינֵי בַּקָּשׁוֹת שֶׁבָּעוֹלָם שֶׁנִּמְצָאִים בְּאֵיזֶה סֵפֶר שֶׁיִּהְיֶה הַמָּצוּי בֵּינֵינוּ, הַכֹּל כַּאֲשֶׁר לַכֹּל, לֹא הִנִּיחַ שׁוּם תְּחִנָּה וּבַקָּשָׁה שֶׁלֹּא אֲמָרָהּ כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים, יֶעדֶע תְּפִלָּה אוּן בַּקָּשָׁה וָואס אִיז דָא אִין סְפָרִים, ווִי יְהִי רָצוֹן'ס אוּן לְשֵׁם יִחוּד'ס הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל, הֵן תְּהִלִּים, וְסֵפֶר שַׁעֲרֵי צִיּוֹן, וְהַבַּקָּשׁוֹת הַנִּדְפָּסִים בְּהַסִּדּוּרִים הַגְּדוֹלִים וּשְׁאָר מִינֵי בַּקָּשׁוֹת וּתְחִנּוֹת, סַיי תְּהִלִּים, סַיי דִי תְּפִילּוֹת פוּן סֵפֶר שַׁעֲרֵי צִיּוֹן אוּן אַלֶע תְּפִילּוֹת וָואס זֶענֶען גֶעדְרוּקְט אִין דִי גְרוֹיסֶע סִדּוּרִים, וַאֲפִילּוּ הַתְּחִנּוֹת הַנִּדְפָּסִים בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז, אוֹיךְ דִי אִידִישֶׁע תְּחִנּוֹת, וָואס מֶען טְרֶעפְט אִין דִי אַלְטֶע פְרוֹיעֶן מַחְזוֹרִים, דִי פָּשׁוּטְ'ע תְּחִנּוֹת וָואס הֵייבְּן זִיךְ אָן מִיט דִי וֶוערְטֶער: "לִיבֶּער גָאט", "דֶערְבַּארִימְדִיגֶער גָאט", כֻּלָּם לֹא הִנִּיחַ מִלְּאָמְרָם, קַיין שׁוּם תְּפִלָּה הָאט עֶר נִישְׁט אוֹיסְגֶעלָאזְט, אַדְרַבָּה, עֶר הָאט גֶעזוּכְט וואוּ עֶס אִיז דָא נָאךְ עֶפֶּעס אַ וָוארְט וָואס עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וְהָיָה רָגִיל לוֹמַר כָּל הַתְּחִנּוֹת שֶׁאַחַר מַעֲמָדוֹת הַנִּדְפָּסִים אַחַר כָּל יוֹם וָיוֹם, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זָאגְן אַלֶע תְּחִנּוֹת פוּן דִי מַעֲמָדוֹת, וְהוּא הָיָה רָגִיל לוֹמַר כָּל הַתְּחִנּוֹת כֻּלָּם שֶׁל כָּל הַיָּמִים, בְּפַעַם אֶחָד, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַלֶע תְּחִנּוֹת וָואס זֶענֶען אֵיינְגֶעטֵיילְט לוֹיט דִי טֶעג - אִין אֵיין טָאג.

גַּם הָיָה רָגִיל לִפְעָמִים לוֹמַר בַּתְּהִלִּים רַק הַפְּסוּקִים הַמְדַבְּרִים מִתְּחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת וּצְעָקָה לַה' יִתְבָּרַךְ, וְהָיָה אוֹמֵר רַק פְּסוּקִים אֵלּוּ וְהַשְּׁאָר לֹא הָיָה אוֹמֵר. וְהָיָה אוֹמֵר כָּל הַפְּסוּקִים הָאֵלּוּ מִכָּל סֵפֶר תְּהִלִּים בְּפַעַם אֶחָד, דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט נֶעמֶען דֶעם תְּהִלִּים אוּן אוֹיסְקְלוֹיבְּן נָאר דִי פְּסוּקִים וואוּ דָוִד הַמֶּלֶךְ שְׁרֵייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן "הֶעלְף מִיר", אוּן דָאס הָאט עֶר גֶעזָאגְט.

וּמִלְּבַד כָּל זֶה, הָעִקָּר הָיָה, מַה שֶּׁהָיָה מִתְפַּלֵּל מֵעַצְמוֹ, דֶער עִיקָּר אִיז גֶעוֶוען, וָואס עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, דְּהַיְנוּ מַה שֶּׁהָיָה רָגִיל לְדַבֵּר מִלִּבּוֹ לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ בִּלְשׁוֹן אַשְׁכְּנַז, עֶר הָאט גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ, שֶׁהָיָה מִתְפַּלֵּל וְטוֹעֵן לִפְנֵי ה' יִתְבָּרַךְ בְּכַמָּה וְכַמָּה מִינֵי טְעָנוֹת וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת שֶׁאָמַר מִדַּעְתּוֹ וּמִלִּבּוֹ כַּנַּ"ל שֶׁיְּזַכֵּהוּ ה' יִתְבָּרַךְ לַעֲבוֹדָתוֹ, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט גֶעבֶּעט און טַעֲנוֹת אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין אִים צוּ דִינֶען. רֶבִּי נָתָן פִּירְט אוֹיס דִי שִׂיחָה: **וְזֶהוּ הָעִקָּר, מַה שֶׁהוֹעִיל לוֹ לִזְכּוֹת לְמַה שֶׁזָּכָה**, דוּרְךְ דֶעם הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען. **כָּךְ שָׁמַעְנוּ מִפִּיו הַקָּדוֹשׁ בְּפֵירוּשׁ.**

## דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן אִין מֶעזִיבּוּז, אִינֶעם הוֹיז פוּן זַיין זֵיידְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט גֶעהַאט צְוֵויי הֵיילִיגֶע קִינְדֶער, אַ הֵיילִיגֶער זוּן 'צְבִי' און אַ הֵיילִיגֶע טָאכְטֶער 'אָדְל'. וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז נִסְתַּלֵק גֶעוָוארְן, אִיז דִי דִירָה אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי טָאכְטֶער דִי גְרוֹיסֶע צַדֶיקֶת אָדְל. אָדְל הָאט גֶעהַאט דְרֵיי קִינְדֶער צַדִיקִים, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דֶער הֵיילִיגֶער דֶגֶל מַחֲנֶה אֶפְרַיִם זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, און דֶעם רֶבִּי'נְס מַאמֶע - פֵיגָא, וֶוען אָדְל אִיז אַוֶועק, אִיז דִי דִירָה אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען צוּ דִי טָאכְטֶער פֵיגָא, און דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן.

יֶעדֶעס מָאל וָואס דִי תַּלְמִידִים פְלֶעגְן קוּמֶען קַיין מֶעזִיבּוּז צוּם צִיוּן פוּן זֵייעֶר רֶבִּי - דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, פְלֶעגְן זֵיי אַרַיין גֵיין אִין הוֹיז פוּן בַּעַל שֵׁם טוֹב, און זִיךְ דֶערְמַאנֶען דִי צַייטְן וָואס זֵיי פְלֶעגְן זַיין בַּיים בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, זֵיי פְלֶעגְן שְׁמוּעֶסְן און זִיךְ קָאכְן פוּן זֵייעֶר גְרוֹיסֶער רֶבִּי. דֶער רֶבִּי אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען אַ פִינְף יֶערִיג קִינְד, און עֶר פְלֶעגְט אוֹיסְהֶערְן דִי שְׁמוּעֶסְן פוּן דִי קְדוֹשֵׁי עֶלְיוֹן, דִי צַדִיקִים תַּלְמִידֵי הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתָם יָגֵן עָלֵינוּ.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֶערְט פַארְצֵיילְן דִי מַעֲשֶׂה וִוי אַזוֹי דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען זַיין לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען, אַז זַיין מַאמֶע שָׂרָה אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַלְט בְּשַׁעַת זִי הָאט אִים גֶעבּוֹירְן און זִי אִיז גְלַייךְ נָאכְדֶעם נִפְטָר גֶעוָוארְן, און וֶוען דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף יָאר הָאט אִים זַיין טַאטֶע גֶערוּפְן צוּ זִיךְ, און אִים גֶעזָאגְט זַיין צַוָואָה בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: **"יִשְׂרָאלִיק! אִיךְ גֵיי יֶעצְט אַוֶועק פוּן דֶער**

וועלט - כְּדֶרֶךְ כָּל הָאָרֶץ, אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט נִישְׁט מוֹרָא הָאבְּן פוּן קֵיינֶעם, זָאלְסְט ווִיסְן אַז דוּ בִּיסְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אַלֵיין, אַ אִיד אִיז נִישְׁט אַלֵיין, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט דִיר, בַּיי דִיר אוּן נֶעבְּן דִיר, וָואס דוּ דַארְפְּסְט בֶּעט פוּן אִים", אוּן אַזוֹי אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן דֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב'ס טַאטֶע.

## תְּפִלָּה אוּן אֱמוּנָה

שְׁטֶעלְט זִיךְ פָּאר, אַ קִינְד פוּן פִינְף יָאר בְּלַייבְּט אֵיינֶער אַלֵיינְס, עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט! אָבֶּער עֶר הָאט זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרָאקְן, דִי לֶעצְטֶע וֶוערְטֶער פוּן זַיין טַאטֶע'ן אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיין הַארְץ, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן אוּן גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין הוּנְגֶערִיג", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ בִּין מִיד", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ דַארְף קְלֵיידֶער", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל זַיין אַ צַדִיק", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיינֶעם - אוֹיסֶער דִיר!" אַזוֹי אִיז עֶר אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, מִיט תְּפִלָּה אוּן אֱמוּנָה.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דָאס גֶעהֶערְט אַלְס קִינְד, הָאט עֶר עֶס אָנְגֶעהוֹיבְּן נָאכְצוּמַאכְן, עֶר פְלֶעגְט שְׁטִילֶערְהֵייט גֵיין צוּם צִיוּן פוּן זַיין זֵיידֶע דֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב, דָארְט אִין מֶעזִיבּוּז, עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן אוּן גֶעוֵויינְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, - אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט - וֶועגְן דֶעם הָאבּ אִיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען.

## אַ קוּנְץ צוּ וֶוערְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק?!

אַמָאל אִיז אֵיינֶער גֶעוֶוען בַּיים רֶבִּי'ן, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר'ן רֶבִּי'ן: "אִיז דֶען אַ קוּנְץ צוּ וֶוערְן אַזַא גְרוֹיסֶער צַדִיק?! אַוַודַאי אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעוַואקְסְן דֶער רֶבִּי, ווַייל עֶר שְׁטַאמְט פוּן גְרוֹיסֶע צַדִיקִים שַׂרְפֵי מַעֲלָה, אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, אִיר זֶענְט אַן אֵיינִיקְל פוּן הָרַב הַקָדוֹשׁ רֶבִּי נַחְמָן הוֹרוֹדֶענְקֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, [דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן נָאךְ דֶעם זֵיידְן, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי גְרֶעסְטֶע תַּלְמִידִים

פונֶעם בַּעַל שֵׁם טוֹב, און עֶר לִיגְט אִין טְבֶרְיָה], און פון נָאךְ צַדִּיקִים, דָאס אִיז דִי סִיבָּה פַּארְוָואס אִיר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צו דִי גְרוֹיסֶע מַדְרֵיגוֹת", אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז און גֶעשְׁרִיגְן (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כו): "אִיךְ בִּין צוגֶעקוּמֶען צו וָואס אִיךְ בִּין צוגֶעקוּמֶען, נִישְׁט ווייל אִיךְ שְׁטַאם פון אַזֶעלְכֶע גְרוֹיסֶע זֵיידֶעס, און נִישְׁט ווייל מַיין נְשָׁמָה וְכוּ', נָאר ווייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט, און יֶעדֶער מֶענְטְשׁ קֶען זוֹכֶה זַיין צו דֶעם", און "אֲפִילוּ אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי דִי פְּשׁוּט'סְטֶע שְׁטוּבּ, וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ זוֹכֶה גֶעוֶוען צו מַיינֶע מַדְרֵיגוֹת, דוּרְךְ דֶעם וָואס אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעהָארֶעוֶועט" (שִׁבְחֵי הָרַ"ן, סִימָן כה).

עֶס אִיז אַ טָעוּת פון בָּחוּרִים און אִינְגֶעלַייט, מֶען מֵיינְט: 'יֶענֶער קֶען מַצְלִיחַ זַיין, ווייל עֶר אִיז אַ יַחְסָן, אָבֶּער מַיין טַאטֶע אִיז אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, אַ דֶעלִיוֶוערִי מֶענְטְשׁ, אַ בָּאס דְרַייוֶוער, מַיין טַאטֶע אִיז אַ גָארְנִישְׁט, אִיךְ קֶען נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין', דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער גֶעזָאגְט אַנְדֶערְשׁ, וֶוען אִיךְ וָואלְט וֶוען גֶעהַאט אַ טַאטֶע אַ וַואסֶער טְרֶעגֶער, אַ פֶּעדְלֶער אָדֶער אַ טְרֶעגֶער, וָואלְט אִיךְ אוֹיךְ צוגֶעקוּמֶען צו וָואס אִיךְ בִּין צוגֶעקוּמֶען, ווייל אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶערֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ הָאבּ אַסַאךְ גֶעדַאוֶוענְט, גֶעבֶּעטְן און גֶע'טַעֲנָה'ט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין אֵיין שְׁמוּעֶס בַּיים רֶבִּי'ן וָואס דֶער רֶבִּי זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פון תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, אַלֶע שְׁמוּעֶסְן זֶענֶען נָאר גֶעוֶוען כְּדֵי אַרַיין צו בְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי זַאךְ פון תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

## וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב?

אַז מֶען קוּמְט צוּם רֶבִּי'ן, מֶען וואוֹינְט שׁוֹין דָא אִין שְׁטֶעטְל אִין בְּרֶסְלֶב, און מֶען שִׁיקְט שׁוֹין דִי קִינְדֶער אִין בְּרֶסְלֶב, דַארְף מֶען וִויסְן 'וָואס אִיז בְּרֶסְלֶב?' עֶס אִיז נִישְׁט קַיין חֲסִידוּת, און עֶס אִיז נִישְׁט קַיין פַּארְטֵיי, אַז מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט מֶען אַ שַׁיְיכוּת מִיטְ'ן רֶבִּי'ן.

בְּרֶסְלֶב אִיז נִישְׁט אַ פְּלַאץ וואו 'אִיךְ בַּאלַאנְג שׁוֹין דָא דוֹרֵי דוֹרוֹת...'

נֶעבֶּעךְ אַ רַחְמָנוּת אוֹיף דֶער וָואס בַּאלַאנְגְט שׁוֹין דוֹרֵי דוֹרוֹת אִין בְּרֶסְלֶב... וָואס הָאסְטוּ פוּן זַיין דוֹרֵי דוֹרוֹת אִין בְּרֶסְלֶב אוֹיב דוּ מַאכְסְט נִישְׁט קַיין הִתְבּוֹדְדוּת?!

דִי גַאנְצֶע זַאךְ פוּן ׳בְּרֶסְלֶבְ׳עֶר חֲסִידוּת׳ אִיז אֵיין זַאךְ, דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט אוּנְז נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל מִיר זָאלְן גֶעדֶענְקֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַז אִיךְ הָאבּ אַ פְּרָאבְּלֶעם אִינְדֶערְהֵיים, אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט מִיךְ, אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט דִי פַּרְנָסָה, אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט מַיין דְזְשַׁאבּ, אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט מַיינֶע קִינְדֶער, אַ פְּרָאבְּלֶעם מִיט מַיין יֵצֶר הָרָע, גֵיי אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אִיךְ בִּין נִישְׁט אַלֵיין, ווּאוּ אִיךְ בִּין קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ שְׁפַּאצִיר מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ זִיץ אִין מַיין קַאר - רֶעד אִיךְ פוּן דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז אִיךְ זִיץ אוֹיף אַ בָּאס - רֶעד אִיךְ פוּן דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## מַאךְ מִיט דִי לִיפְּן

קֵיינֶער דַארְף נִישְׁט מִיטְהַאלְטְן וָואס אִיךְ טוּ, מֶען דַארְף נִישְׁט שְׁרֵייעֶן, מֶען דַארְף נִישְׁט קְווִיטְשֶׁען, מֶען דַארְף נִישְׁט קְרֶעכְצְן, אִיךְ מַאךְ מִיט דִי לִיפְּן. אֵיינֶער אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען זָאגְן פַארְ׳ן רֶבִּי׳ן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין בַּאזוּנְדֶערֶע צִימֶער ווּאוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען עֶר וֶועט זִיךְ קוֹיפְן אַן אֵייגֶענֶעם הוֹיז גֵייט עֶר זִיךְ בּוֹיעֶן אֵיין שְׁטָאק פַאר ׳הַכְנָסַת אוֹרְחִים׳, אוּן אֵיין שְׁטָאק פַאר הִתְבּוֹדְדוּת... הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן ערה): ״אוּנְטֶערְ׳ן טַלִית אִיז אַזוֹי ווִי אַ חֶדֶר מְיֻחָד״, מֶען צִיט זִיךְ אַרָאפּ דֶעם טַלִית אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וֶוען מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען זִיךְ אַמָאל דַאכְטְן, אַז דֶער רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן יֶענֶער רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער מִיר גֵייט עֶס נִישְׁט, קֵיינֶער הֶערְט מִיךְ נִישְׁט אוֹיס, וֶועלְן מִיר לֶערְנֶען וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט פוּן זִיךְ, אַז אִים הָאט זִיךְ אוֹיךְ גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס.

שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן יב):

וְאַף־עַל־פִּי־כֵן, הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין

שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל, וְוען דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז מֶען הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, און אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל, פַארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט און מֶען וִויל אִים אַוֶועק שְׁטִיפְּן, כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן און עֶר הָאט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר אִיז נָאךְ אַלְץ וַוייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עַל כֵּן נִדְמֶה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס און מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, אַדְּרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה מִיט אַלֶע סָארְט הִתְרַחֲקוּת, אַךְ אַף עַל פִּי כֵן, מִיט דֶעם אַלֶעם, הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ, הָאט זִיךְ דֶער רֶבִּי זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט און נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין הֵיילִיגֶע עֲבוֹדָה.

וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ, עֶטְלִיכֶע מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי׳ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן, מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי עֶר דַאוֶוענְט, בֶּעט און מוּטְשֶׁעט אַז עֶר וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, און - עֶס הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז - קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים, הָאט עֶר אוֹיפְגֶעהֶערְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ׳, וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ׳, וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ״ל, נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ פַארְשֶׁעמְט, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ: ׳אִיךְ הָאבּ טַעֲנוֹת

אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן? אִיךְ הָאב קַשְׁיוֹת אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?! הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי׳ן, וֶועלְן מִיר הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן, אָמֵן.